בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

פ' ראה
תשע"א









## ✪ די מעשה פון יוסף מוקיר שבת

(פאר די גרעסערע) די לעצטע צוויי וואכן לערנען מיר די מעשה פון יוסף מוקיר שבת. א איד וואס האט טייער געהאלטן דעם הייליגן שבת קודש.

נאר פאר מיר הערן די שיינע מעשה זונגען מיר צוזאמען די שיינע ליד פון "דער שבת איז טייער עס ברענט ווי א פייער". דערנאך הערן מיר זיך שיין צו צו די הערליכע מעשה. מיר זעהן ווי א רייכע מיסטער, יונתן בנימין ווייס נ"י חלומט זיך א חלום ווי זיין גאנצע געלט וועט אריבער גיין צו זיין שכן דעם איד יוסף מוקיר שבת.. דערנאך וועקט ער זיך אויף און ער לויפט ארום זייער נערוועז און טראכט וואס קען איך טוהן? וואס קען איך טוהן? ביז ער האט געטראפן א עצה, ער נעמט זיין דיימאנט שטיין און נייעט דאס אריין אין זיין הוט. וואס געשעהט אינמיטן נייען?... דערנאך זעהן מיר ווי ער גייט שפאצירן אויף א הויכע בריק. אלע קינדער נעמען זיך בלאזן אזא שטארקע ווינט, אז זיין הוט איז אראפ געפלויגן פון זיין קאפ, מיר זעהן וואס עס געשעהט, עס קומט א גרויסע פיש און שלינגט איין דעם דיימאנט שטיין. נאכדעם זענען געקומען צוויי פיש כאפער אליעזר זעלקאוויטש נ"י און יואל יחיא' יצחק שווימער נ"י און זיי האבן זייער שווער געארבעט צו כאפן דעם גרויסן ריזיגן פיש. זיי גייען ארום פרעגן ווער עס וויל קויפן די גרויסע פיש אבער קיינער וויל עס נישט קויפן ווייל ס'קאסט צו אסאך געלט. ביז זיי קומען אן צו די הויז פון דעם איד יוסף מוקיר שבת, אלי' בלייך נ"י און ער האט יא געקויפט דעם פיש לכ' שבת קודש. מיר קוקן זיך צו וואס ער האט געטראפן אין די פיש "א דיימאנט - ברילאנט". און מיר זעהן אז פון טוהן א מצוה קען מען נישט פארלירן נאר גאר פארדינען...



א שיינע דאנק פאר המלמד החשוב מו"ה יואל גוטמאן וואס האט געוויזן פאר אלע קינדער די שיינע דשעלו" פיש מיט די דיימאנט שטיין אינעווייניג

## ✪ מיר כאפן פיש

א אינטערעסאנטע אקטיוויטעט האבן מיר געהאט די וואך. מיר קומען אריין אין א שטוב ווי עס איז אנגעגרייט א וואסער, און אין די וואסער שווימען "נומבער פישן. מיר דארפן נעמען דעם פיש כאפער, נאכלויפן די פישעלעך און זיי כאפן... ווער האט געכאפט די מערסטע פישעלעך? און איינוועגס קענען מיר זעהן דארט א הערליכע גרויסע אראנדשע פיש וואס שווימט דארט ארום אין וואסער זייער זיס...

## ✪ דער א"ב סיום פון פרי כתה א'

פאריגע וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען דעם לאנג ערווארטעטער א"ב סיום פאר די קינדער פון פרי כתה א'.

נאכדעם וואס די קינדערלעך האבן אין א מזל'דיגע שעה געענדיגט דעם א"ב האט מען לכ' דעם צוגעגרייט אין לאנטש רום א העליכער סיום. די קינדער האבן זיך געזעצט ביי די טישן און יעדער האט אויסגעלייגט אלע פיינע

זיסווארג וואס ער האט געברענגט פון דערהיים און מ׳האט דאס אויסגעטיילט פאר אלע קינדער, דערווייל האבן די קינדער געזונגען שיינע לידער לכ׳ דעם סיום. מ׳האט געהערט געציילטע ווערטער פון דעם קינדערגארטן מנהל ווי גליקליך מיר זענען אז מיר ווערן שוין גרויס און מיר גייען שוין באלד ארויף אין כתה א׳ ווי מיר וועלן לערנען פלייסיג די הייליגע א״ב, דערנאך די נקודות. משה פריעד נ״י רופט זיך אן ״נאכדעם וועלן מיר שוין אויך קענען ליינען״... מיר קוקן זיך איין אין טעללער און מיר זעהן אזוי פיל נאשעריי, אבער די הייליגע תורה איז פיל זיסער און געשמאקער פון די אלע נאשערייען. דער מנהל האט געוואונטשן אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ערליכע אידישע קינדער און גרויסע תלמידי חכמים. אלע קינדער זאגן אמן.

דערנאך האבן מיר געהאט א חשובע גאסט דער מנהל פון כתה א׳ הר״ר דוד חנני׳ ווייס שליט״א וואס האט געהאלטן געשפאנט די קינדער מיט זיינע בליציגע געדאנקן פון וועלכע די קינדערלעך האבן אויסטערליש הנאה געהאט. דערנאך האבן מיר געכאפט א רקידה׳לע איעדע חדר עקסטער און געזונגען שיינע ניגונים.

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט טאקע אלע אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי ד׳, אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק נאר אסאך אידיש נחת און אלעם גוטן אמן.

א דאנק פאר אלע חשובע עלטערן וואס האבן זיך אוועק געגעבן העכער אלע ערווארטונגען צוצוגרייטן אלע שיינע זאכן לכ׳ דעם סיום.

בײ די גיליעגנהייט ווילן מיר נאכאמל קלארשטעלן אז מיר האבן ״נישט״ געלערנט די א״ב מיט די קינדער, זיי דארפן דאס נאכנישט קענען. מיר האבן דאס נאר געטוהן אלס א אקטיוויטעיט, און אז זיי זאלן זיך באקענען מיט די אויתיות. די א״ב מיט די נקודות וועט אי״ה זייער כתה א׳ מלמד קומענדיגע יאר לערנען מיט זיי פון דעם אנהויב אי״ה.

## ✪ *ניחום אבלים*

הנהלת הקינדערגארטן אין נאמען פון אלע חשובע מלמדים שפירן מיט דעם צער פון
אונזער חשובן מלמד

מו״ה **אלי׳ ראטה** שליט״א

וואס זיצט שבעה נאך זיין חשובע מאמע ע״ה

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
איר זאלט קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער

## ✪ *וויכטיגע בריוו ארויס געשיקט אין די פאסט*

אין די איצטיגע טעג איז ארויס אין די פאסט א בריוו פון די הנהלה רוחניות פאר אלע עלטערן בנוגע די קינדער וואס דארפן ארויפגיין קומענדיגע יאר תשע״ב אין **כתה א׳**, אזוי אויך איז ארויס געשיקט געווארן א וויכטיגע בריוו פאר די עלטערן פון די קינדער וואס דארפן אריין גיין קומענדיגע יאר אין **פרי כתה א׳**. ביטע ליינט דאס מיט אויפמערקזאמקייט.

חשובע עלטערן שיחיו

מיר בעטן אייך

**נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם פי״ן פאר אייער אינגעלע**

**איעדן איינציגן טאג**

ביטע נעמט אין אכט אז עס גייען אהיים היינט צו טאג פון קינדערגארטן קנאפע

# אכט הונדערט קינדערלעך קיע״ה

נ.ב. אויב האט אייער קינד פארלוירן זיין פי״ן, ביטע שיקן דריי דוללער, וועט ער באקומען א נייע פי״ן.

# זיסע חכמה'לעך

✪

נאך די שבת'דיגע סעודה האט זיך **אברהם דניא'** אנגערופן "מיר האבן געהאט א פיינע סעודה מיט שור הבור פלייש און לויתן פיש". פרעגט מען אים אויב יין המשומר וויין האט ער אויך געהאט? זאגט ער "ניין, ס'איז געווען נאר גרעיפ דשוס"...

✪

**שמעון שמוא' אהרן פערל** זינגט יבנה המקדש.... ווען ער זינגט "געוואלד- געוואלד, ווייזט ער ביים פענסטער "די וואלד –די וואלד"....

✪

**חיים דוד גראד** האט נישט ליב געהאט די סאפער –נאכטמאל, זאגט יא "די עסן האט ג'ערמ'ס"....

✪

לעצטע וואך ווען מ'האט אהיים געטראגן די חלה מיט די סי-די, רופט זיך אן **מנחם זאב שפילמאן** "רבי, די טעיפ איז פאר די חלה?"....

✪

**ליפא'ע** האט געזעהן אויף א גארבידש אינדרויסן אויף די גאס א סילינ"ג פע"ן, רופט ער זיך אן "אה, א שטיקל פון א העליקאפטער"...

✪

**חיים אליעזר לאנדא** האט זייער ליב צו הערן די נייע טעיפ "זאל שוין זיין די גאולה". אינדערפרי האט ער געזאגט "מ'דארף עס שוין אויסלעשן, ווייל דער מנהל דארף שוין ארויס גיין זאגן א גוט מארגן פאר די